אפריקאַנער אידישע צייטונג
פרייטאָג, 4טער דעצעמבער, 1964

# אַרום דעם „יוגנטרוף“

פון מלך ראַוויטש

אַן ערך מיט אַ צוויי צענדליק יאָרן צוריק זיינען אין ניו־יאָרק דערשינען עטלעכע נומערן פון אַ אידישער צייטשריפט מיט דעם נאָמען: „יוגנטרוף“. אַרום אָט דער צייטשריפט האָט זיך געדאַרפט זאַמלען אידישע יוגנט אין אַמעריקע, וואָס וויל ממשיך זיין אידישע קולטור אין אידיש. אין דער אָנפירונג פון דער גרופּע און דער שריפט איז צוו. אַנד„ געוועזן דער היינטיקער פּראָפעסאָר פון קאָלומביאַ־אוניווערזיטעט אין ניו יאָרק, דער זון פון ד״ר מאַקס וויינרייך — אוריאל ווינרייך. די צילן פון דער שריפט און דער גרופּע זיינען זיכער געווען גוטע און האָבן אפילו געהאַט רעאַלע צוקונפט־מעגלעכקייטן. אָבער די גרופּע איז זיך צעגאַנגען — יעדער אויף זיין פּאָסטן און וועג — אַנדערע צו אוניווערזיטעט־קאַטעדרעס...

אָבער אידייען, וואָס האָבן אַ לאָגיק און אַ שכל און אַ ממשות אין זיך האָבן אַ טבע נישט צו שטאַרבן און נייערט אַריינצופאַלן אין אַ צייטווייליקער הינערפלעט און וואַרטן אויף בעסערע צייטן. און אַזוי איז דער „יוגנטרוף“ אין די חדשים יוני, און אויגוסט 1964 אויפגעשטאַנען פון זיין דרימל און אַריין אין זיין צווייטער — און אפשר אולטימאַטיווער — מדרגה.

לויט דער ערשטער איניציאַטיווע פון 12 יונגע־לייט און מיידלעך, גראַדואַנטן פון אידישע שולעס אין ניו יאָרק און מאָנטרעאַל האָט זיך קאָנסטיטואירט אַ יוגנטרוף־גרופּע, וואָס צילט צו ווערן אַ נעץ פון אידיש־ריידנדיקע יוגנט־גרופּן בכל תפוצות ישראל. ווי מיר ווערן געוואויר זיינען די ערשטע צוויי איניציאַטאָרן פון דער איניציאַטיוו־גרופּע געווען גבריאל טרונק פון נ״י און דוד ראָסקעס פון מאָנטרעאַל.

די יוגנט־גרופּע האָט מיט איר ערשטן באַנייאונג־שריט אַרויסגעוויזן אַ סך ענערגיע און פונאַנדערגעשיקט צו דער גאַנצער אידישער וועלט־פּרעסע איר רוף צו דער אידיש־ריידנדיקער יוגנט. מיטגעטיילט וועגן דער באַנייאונג פון דעם „יוגנטרוף“ און געבעטן זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלער איניציאַטיוו־גרופּע אין ניו יאָרק, לויט דעם אַדרעס פון דעם אידישן לערער־סעמינאַר. טשיקאַווע צו פאַרצייכענען, אַז דער אויפרוף איז פּראָמינענט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַלע אידישע טאָג־צייטונגען פון דער וועלט און אויך אין כמעט אַלע פעריאָדישע צייטשריפטן. שוין דאָס אַליין איז אַ סימן, אַז אין די אידיש־קרייזן פון דער וועלט — לרוב פון עלטערע מענטשן — איז מען אויסגעבענקט נאָך אַ יוגנט־רוף... מיר וואָלטן דאָ געקענט זאָגן, אַז מען כאַפּט זיך אָן אין יעדער שטרוי. דאָס ווילן מיר אָבער נישט. אין דעם פאַל כאַפּט מען זיך אָן אין יעדן דין־יונגן צווייגעלע אויף אונדזער אַלטן, היימישן, טראַגיש־געבויגענעם — דורך דער אכזריות פון דער וועלט — בוים.

דערווייל איז געקומען נאָך איין שריט פון דער יוגנט־גרופּע: זונטאָג דעם 30טן אויגוסט 1964 איז פאָרגעקומען איר ערשטער קאָנסטיטואירנדיקער צוזאַמענקום מיט דעלעגאַטן פון עטלעכע שטעט, פון ניו־יאָרק, פון אַרום ניו־יאָרק און פון מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ. לויט די באַריכטן און קאָמענטאַרן, וואָס זיינען דערשינען אין „פאָרווערטס“ און אין „טאָג“, געשריבן דורך מרדכי בערנשטיין און א. גלאַנץ־לעיעלעס — איז דאָס געווען אַ דערפאָלגרייכער צונויפקום. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן

(סוף זייט 11)

## אַרום „יוגנטרוף“

(סוף פון זייט 6)

וואָרן טעטיקייטס־פּרינציפּן, און זיי זיינען זייער קלאָרע און רעאַלע און נישט איבערגעטריבענע. דער צונויפקום איז פאָרגעקומען אונטער גאָר אַ חשוב׳ן דאַך — דעם דאַך פון אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. און אויך דאָס איז אַ סימן פון ערנסטער באַציאונג פון דעם עלטערן דור צו אָט דער אונטערנעמונג פון דעם אינגסטן דור, מחמת אַ גרויסער טייל פון די יוגנטלעכע איז נאָך אין דעם... צענ־יאָרן־עלטער.

דער זאַל איז געווען דעקאָרירט מיט אַ קלינגוואָרט: די ערשטע מצווה — ריידן אידיש! — ווען מען וואָלט אונדז געפרעגט אויף דער צווייטער מצווה פאַר אָט די יונגע מענטשן — וואָלטן מיר געענטפערט: לייענען יעדן חודש כאָטש איין פונדאַמענטאַל אידיש בוך, מחמת די אידישע ליטעראַטור איז דאָס בלייבנדיקסטע, אייביקע, וואָס דאָס אידיש־לשון האָט באַשאַפן.

אונדז איז נישט אויסגעקומען צו זיין אויף דעם צונויפקום אין ניו יאָרק. אונדז איז אָבער אויסגעקומען מיט נחת עטלעכע מאָל בייצוּוואוינען זיצונג פון דער מאָנטרעאַלער אידיש־יוגנט־גרופּע, וואָס ציילט אַרום דריי צענדליק אירע. מיר קענען עדות־זאָגן, אַז דער ענין האָט סמנים פון רעאַלע מאָרגן־מעגלעכקייטן. עס איז נויטיק איינגעשפּאַרטקייט און אידעאָלאָגישע פאַרטיפונג. יאָ, דאָס איז ביז גאָר נויטיק. און אויסדויער! דער ענין איז רעאַל און האָט דעפיניטיוו אַ מאָרגן. הצלחה, יונגע־לייט!